ג. בעל.

הערקולעס

פֿארס אין 1 אַקט.

יודיש דורך ז. זילבערצווײַג.

פערלאג
א. גיטלין,
ווארשע.

תר״ף
1919.

HARVARD
UNIVERSITY
LIBRARY

810

פּערזאָנען:

ראָהלמאַן — אַ דירעקטאָר פֿון שולעס.

געניאַ — זיין טאָכטער.

שלומיאל — אַ לעהרער.

גראַנדאָווסקי — אַ דירעקטאָר פֿון אַ צירק.

הערי.ו׳עס.

באַריס }
דינער אין האָטעל.
סאָניע }

די האַנדלונג קומט=פֿאָר אין אַ האָטעל פֿון אַ פּראָווינץ-שטאָדט
מיטעל=טיר, רעכטס און לינקס זייטענטירען.

דאָס איבערזעצונגס רעכט ווערט געשיצט:
אין רוסלאַנד: דורכ׳ן רו-
סישען דראַמאַטישען און מוזיקאַלישען
שריפטשטעלער-פערבאַנד אין פעטער-
בורג.
אין פּוילען: דורכ׳ן יודי-
שען ליטעראַטען און זשורנאַליסטען-
פעראיין אין לאָדז.

ערשטער אויפטריט.

באָריס, סאָניע.

באָריס (פוצט אָב אַ מלבוש).

סאָניע (אָבשאָקלענדיג דאָס טישטוך): האָסט אויינגעבעטן נייע גאַרדינען אין נומער פיער?

באָריס (ברומט): הם!

סאָניע: גיב אַכטונג, מ'זאָל די אַלטע נעהמען צו וואַשען.

באָריס (ווי אויבען): הם!

סאָניע: וואָס איך מוז אַלץ געדענקען. האָסט נישט פאַרגעסען איינצומעלדען די נייע אָנגעקומענע געסט?

באָריס (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ אויף ניין).

סאָניע: האָסט דאָך עפּעס היינט פאַרלוירען ס'לשון!

באָריס: הם!

סאָניע: ביזט קראַנק?

באָריס (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ).

סאָניע: דו קאָנסט נישט ריידען?

באָריס (נישט ענטפערנדיג איהר, הויבט אָן צו פייפען און פוצט האַסטיג דאָס מלבוש).

סאָניע: עפּעס אַ נייע משוגעת דיר איינגעפאַלען!

באָריס (ווי אויבען).

סאָניע (געהט צו איהם צו): הער אויף מיט אַזעלכע שטיק!

באָריס (געהט איבער אויף דער אַנדערער זייט, פייפט און פוצט ווייטער).

סאָניע: איך זאָג דיר איצט צום לעצטען מאָל; האַלט דיך ווי אַ אָרנטליכער מענש, אָדער...

באָריס: איך רייד דאָך גאָרנישט. זעהסט נאָר, ווי האָט דאָך נאָך גאָר טענות צו מיר. זי—צו מיר, דאָס איז שעהן!

סאָניע: וואָס איז? דו האָסט אפשר טענות צו מיר?

באָריס: יאָ, אַז דו ווילסט וויסען.

סאָניע: כ'לעבען.

באָריס: דו ווייסט גאַנץ גוט, וואָס איך מיין!— מאַך זיך נאָר נישט אַזוי אונשולדיג.

סאָניע: פֿאָלג מיך. הער זיך בעסער אויף צו מאַכען נאַריש.

באָריס: נאַריש אַהין, נאַריש אַהער. דאָס וואָס כ'זעה—זעה איך דאָך!

סאָניע: נו, וואָס זעהסטו?

באָריס: איך זעה ווי פֿריילין סאָניע פֿערברענגט מיט אַלע. פּונקט ווי איך וואָלט גאָרנישט געווען אויף דער וועלט.

סאָניע: אַ דינסטמיידעל אין אַ האָטעל מוז זיין פֿריינדליך צו אַלע געסט און נישט צופֿיעל זיך בלאָזען.

באָריס: צווישען בלאָזען זיך און זיין פֿריינדליך איז נאָך פֿאַרהאַן אַ גרויסער אונטערשיד.

סאָניע: ווי דו ווילסט.

באָריס: נו, ווען נישט ווערען פֿון אונז ביידען, איז אויך גוט, בין איך אויך נישט אומגליקליך. איך דאַרף נאָר בלויז אַרויסשטעלען די הענד, בלייבט אויף יעדער פֿינגער קלעבען איינע.

סאָניע: מיט'ן שענסטען פֿערגניגען.

באָריס: אָט א שטייגער מאַניע, זי נעמט מיך באַלד. זי איז אַגוטע בעל-הבית'טע און איז...

סאָניע (שפּאָטיש): אין פֿינף און דרייסיגסטען יאָהר.

באָריס: איז נישט. אָבער מינע, זי קאָן מען דאָך אויך נישט אָוועקמאַכען, זי...

סאָניע: שיקעלט, אַז ס'איז א מהיה צו קוקען.

באָריס (בעליידיגט): אָבער בלויז אויף איין אויג.

סאָניע: נו, רעדען וייטער, איך בין גאָרנישט אייפֿערזיכטיג. ווען ער זאָל נאָר קומען דער הערר פֿון יענעם צימער, וואָלט איך שוין געוויסען וואָס מ'האָט צו טהון.

באָריס: דו מיינסט, איז דאָס פֿערדריסט מיך? נו, אַזאַ נאַר בין איך ניט...

סאָניע: וואָס קאָן ער זיין?

באָריס (איראָניש): אודאי אַ גראַף אָדער אַ באַראָן?

סאָניע: אַלענפֿאַלס, עפּעס מעהר ווי דו. שאַ, אָט געהט ער

גראַנדאָווסקי (אַ מאַן אין די פֿירציגער, וואָכסעם און באַקענבערד. אַ רײַזעבײַטש! אין דער האַנד, הויכע שטיוועל. רעדט שטענדיג קורץ און בעפֿעהלעריש, הייזעריגער אָרגאַן, קומט פֿון רעכטס).

צווייטער אויפטריט.

די פאָריגע, גראַנדאָווסקי.

גראַנדאָווסקי: וואו איז מיין ראָק? איך וויל נישט וואַרטען ביז איבערמארגען. גיט איהם אהער!

באָריס (גיט איהם דעם ראָק און העלפט איהם אָנטהון): איך האָב נאָר וואָס געוואָלט אַריינטראָגען צו אייך.

גראַנדאָווסקי: נאָר נישט געשלאָפען. אָט דאָס איז ביי מיין געשעפט דער עיקר. נעכטען בין איך אַהערגעקומען פון ליבאַווא, היינט וועל איך מיך דא ערלעדיגען און מאָרגען מוז איך צוריק זיין אין ליבאַווא. עפעס אַ גוט אָרט די דאָזיגע שטאָדט?

סאָניע (אַפּאַרט): אַהאַ, אַודאי אַ קאָמיוואיאזשער. (הויך) יאָ, זעהר אַ גוט אָרט.

באָריס: נישט קיין שלעכט אָרט.

גראַנדאָווסקי: א רייכע אומגעגענד, הא?

סאָניע: זעהר אַ רייכע.

באָריס (אַפּאַרט): ער וויל זיך דאָ קענטיג בעזעצען, זיין נישט אַרויג רייך.

גראַנדאָווסקי: איך וויל נאָך היינטריידען מיט'ן בירגערמייסטער.

באָריס: מיט איהם וועט איהר האָבען אַ שווערע אַרבייט, ער איז אַ שלעכט מענשעל.

גראַנדאנדאווסקי: אַזוי? — איך האָף, אַז פאַר אַזאַ פערזענליכקייט ווי א[...] בין, וועט ער מאַכען אַן אויסנאַהם.

סאָניע: דער בירגערמייסטער איז זעהר אַ פריינדליכער מענש. יעדערער קאָן ביי איהם פועל'ן וואָס ער וויל.

גראַנדאָווסקי: ער זאָגט דאָך אָבער...

סאָניע: ער ווייסט גאָרנישט!

באָריס: איך ווייס פונקט אַזוי ווי דו.

סאָניע: ס'הויבט זיך נישט אָן.

באָריס: איך ווייס בעסער ווי דו.

סאָניע: דו הויבסט נישט אָן צו וויסען. (הינטער דער פיהנע קלינגט) גיב בעסער אַכטונג אויף די געסט. נומער 2 האָט געקלונגען.

באָריס (אבגעהענדיג, שטיל צו סאָניע'ן): וואַרט, איך וועל דיר נאָך ווייזען (אב).

דריטער אויפטריט.

סאָניע, גראַנדאָווסקי.

גראַנדאָווסקי: אַ מערקווירדיגער יונג!

סאָניע: ער האָט שוין אַזאַ נאַטור, שטענדיג דיך מיט מיר צו קריגען.

גראַנדאָווסקי: ער איז אַוודאי אַ ביסעל אייפערזיכטיג, האָ?

סאָניע (פערשעהמט): נו, טיילמאָל...

גראַנדאָווסקי: איהר דאַרפט אויף איהם נישט האָבען פאַראיבעל! (בעטראַכט גוט סאָניע'ן) אַ טיכטיג וואויל קינדו ווי אַלט?

סאָניע: אין 2 חדשים ארום ווערט באָריס...

גראַנדאָווסקי (איבעררייסענד): וואָס פאַר אַ באָריס? ווער פרעגט אויף באָריס'ען? איך פרעג, ווי אַלט איהר זענט, קליינע.

סאָניע: אין צוואַנציגסטען.

גראַנדאָווסקי: נאָך גאַנץ יונג, נאָר פאַר מיין געשעפט טויגט איהר שוין ניט. הויבט נאָר אויף דעם אַרעם אין דער הויך...

סאָניע (הויבט-אויף אַ אָרעם): אַזוי?

גראַנדאָווסקי (פרובט דעם אָרעם): גוט, זעהר גוט. נאָר צו שפעט! — אַ שאָד, וואָלט אפשר געקאָנט זיין אַ לייט.

סאָניע (אַפאַרט): וואָס רעדט ער?

גראַנדאָווסקי: ווען קומט דער ווילנער צוג?

סאָניע: ער קען אָנקומען יעדע מינוט

גראַנדאָווסקי: איך ערוואַרט איינעם, וועלכען איך האָב דאָ אָהערבעשטעלט לויט אַ בריעף. אַ נייער מיטגליד, אַ אויסערגעוועהנליך געשיקטער מענש! כ'בין נייגיריג, צי ער וועט זיין פינקט-

ליך. אויב סיוועט הער פרעגען צו מיר, זאָלט איהר איהם גליי֗ך פריינשיקען צו מיר.

סאָניע: איך ווייס אָבער נישט, ווי דער העֶרר הייסט?

גראַנדאָווסקי: ווער? איך? (אַפּאַרט) כאַ-כאַ-כאַ... די קליי-נע קען מיך נישט, זי האָט נאָך נישט געזעהן מיינע קונסט-שטיק, נאָך נישט געזעהן מיך שטעהן אויפ'ן קאָפּ. אָבער ס'שאַדט נישט. לאָמיך זיך נאָר ערלעדיגען מיט'ן בירגערמייסטער, וועל איך איהר נאָך וויזען. (הויך) דער הערר, וועלכען איך ערוואַרט, וועט זיך פרעגען אויפ'ן דירעקטאָר פון ליבאַווא, און דער הערר דירעקטאָר! — דאָס בין איך. אַלזאָ, תיכף שיקען צו מיר, פערשטאַנען?

סאָניע: יאָ.

גראַנדאָווסקי (זעהט איהר אויף בײדע אָרעמס אין דער הויך): אַ שאָד! אַ שאַד! אַ שענע פיגור, גראַציע, פעסט געבויט נאָר צו שפּעט!

באָריס (קומט אריין דורך דער טיר).

פערטער אויפטריט.

די פאָריגע, באָריס.

באָריס (אַפּאַרט): שוין ווידער.

גראַנדאָווסקי: ווען איך פּאַק אַזאַ שטיקעל פּתורה פרי-הערן אַ בריליאַנט!

באָריס (אַפּאַרט): יוי ער האָלט איהר די הענד.

גראַנדאָווסקי: דער יונג איז אויך גוט! (צו באָריס'ן) ברוסט אַרויס!

באָריס: צו וואָס?

גראַנדאָווסקי: ברוסט אַרויס! קאָפּ צוריק! (ניט באָריס'ן אַזאַ קלאַפּ מיט פויסט בײ דער ברוסט, אַז ער שפּרינגט צוריק) אַ זעלטענער ברוסט-קאַסטען, גוטע מוסקולען! האָלט געוועהן אַ גוטער אינדיאַנער, געוויכט הייבער א. ד. ג. נאָר צו שפּעט! קיינמאָל נישט געריטען אויף אַ פערד? קיינמאָל נישט געלערנט רייטען, האַ?

באָריס (פערוואונדערט): ניין. (אַפּאַרט) ער מוז זיין פון מיליטער.

גראַנדאָווסקי (צו סאָניע'ן): אַלזאָ, ניט פערגעסען, קליי־נע! — באַלד אַריינשיקען צו מיר!

סאָניע: גוט, גוט, דאָס גייט אין אָרדנונג.

גראַנדאָווסקי: ברענגט מיר אַריין אַ פלעשעל רויט־ווייז, נאָר ניט קיין געבעפּשטען.

סאָניע: גוט, מיין הערר.

גראַנדאָווסקי (געהט אויף און אָב אין פאָדערגרונד, אַפּאַרט): און דערנאָך צום בירגערמייסטער; האָפענטליך וועט ער מיר נישט מאַכען קיין שוועריגקייטען און מיר געבען אַ ערלויבניש דאָ צו שפּילען. אָ, נאַרישקייטען, גאַבריעל מיכיילאָוויטש גראַנדאָוו־סקי, דירעקטאָר פון אַ ערסט־קלאַסיגען צירק, האָט זיך ביז איצט אַנ'עצה געגעבען. (אָבגעהענדיג צו סאָניע'ן) אַלזאָ, ניט פערגעסען באַלד אַריינשיקען צו מיר! (אָב רעכטס).

פינפטער אויפטריט.

סאָניע, באָריס.

באָריס: וואָס זאָלסטו ניט פערגעסען?

סאָניע: דו מוזט דען אַלץ וויסען?

באָריס: איך בעט דיך, קריג זיך ניט מיט מיר.

סאָניע: פון דיר איז נישט אויסצוהאַלטען.

באָריס: סאָניע, איך וועל התונה האָבען מיט מאַניע'ן!

סאָניע: מזל טוב! (גיט דורך דער מיט).

באָריס (אַליין): ווי קלוג זי איז פאַר זיך. דער הערר געגענאיבער (ווייזט אויף לינקס) איז אַ קאָמישער מענש! וואָס האָט ער געוואָלט מיט מיין ברוסט־קאַסטען און מיט מיינע מוסקולען? איך הויב איהם גיט צו פערשטעהן. נא, אָט קימען נייע געסט.

וואָהלמאַן, גענייאַ (קומען פון דער מיט, ביידע טראָגען קליינע רייזעטאַשען).

זעקסטער אויפטריט.

באָריס, וואָהלמאַן, גענייאַ.

וואָהלמאַן (אַ אַלטער גרייז־גרויער מאַן, אַ פּעדאַנט): איז דאָ דער האָטעל?

באָריס: יאָ, הערר. (נעמט ביידע רייזעטאַשען און טראָגט זיי אַריין אין צימער, רעכטס).

וואָהלמאַן (צו געניאַן): ווי מיינסטו, געניאַ, איז דאָס ניט געווען אַ אויסגעצייכענטער איינפאַל פון מיר צו שרייבען דעם קאַנדידאַט, אַז מיר זאָלען זיך דאָ צוזאַמענטרעפען? מיר וועלען איהם דאָ דערווייל קאָנען גענוי בעקענען מיט אונזער אינסטיטוט, אַזוי, אַז ווען ער וועט אַראָבקומען, וועט ער שוין זיין אינגאַנצען היימיש. דעם קאַנדידאַט שלומיאל האָט מען מיר געשילדערט אַלס אַ סאָלידען מענש. איך האָף, אַז איך וועל אין איהם האָבען אַ געווינשטע קראַפט פאַר אונזער ערציהונגס-אַנשטאַלט.

געניאַ: ווייסט, פּאַפּאַ, איך רעכען, אַז ער איז אַ בלאָנדער.

וואָהלמאַן: איהר מיידלעך זענט אַ מאָדנע פאָלק! קוים רעדט מען נאָר וועגען אַ יונגענמאַן, טראַכט איהר שוין: ווי זעהט ער אויס, צי ער איז בלאָנד, צו ברונעט אָדער גאָר שאַטין א. ז. וו.

געניאַ: דאָס זענען אויך וויכטיגע זאַכען, פּאַפּאַ.

וואָהלמאַן: ווי אַזוי ער זעהט אויס, ווייס איך אַליין ניט. ער זאָל נאָר זיין צוגעפּאַסט צו אונזער אינסטיטוט.

באָריס (קומט צוריק פון רעכטס): די צימערן זענען אין אָרדנונג, ביטע...

וואָהלמאַן: איהר דאַרפט זיך צוליב אונז ניט מאַכען קיין גרויסע אומשטענדען, ליבער פריינד, מיר בלייבען העכסטענס ביז מאָרגען אין דער פריה. יאָ, וואָס האָב איך געוואָלט פרעגען, טייערע געניאַ?

געניאַ: איך ווייס ניט, פּאַפּאַ!

וואָהלמאַן: יאָ, זאָגט מיר נאָר, טייערער, ווען קומט דער צוג פון ווילנא?

באָריס: ער דאַרף יעדען אויגענבליק אָנקומען.

וואָהלמאַן: גוט, אויסגעצייכענט! — העכסט וואַהרשיינליך אָדער, נאָך מעהר, גאַנץ בעשטימט קומט מיט'ן דאָזיגען צוג אַ יונגערמאַן, וועלכער וועט דאָ אַהערקומען און פרעגען אויף מיר.

דעם דאָזיגען יונגענמאַן זאָלט איהר אַזוי גוט זיין און תיכף אָנוויי-
זען אויף מיין צימער. ווי מיינסטו, געניאַ, וועט נאָך זיין אַמבעצעס:
טען איהם תיכף אַריינצושיקען צו מיר?

געניאַ: גאַנץ געוויס, פאַפאַ.

באָריס: אויף וועמען וועט דער העיר פרעגען?

וואָהלמאַן (צו געניאַ'ן): ער וועט דאָך זיין זיכער, אַז איך ערוואַרט איהם און ער וועט געוויס פרעגען אויפ'ן דירעקטאָר, (צו באָריס'ן) אויפ'ן דירעקטאָר פון ליבאַווא. ווי רעכנסטו, געניאַ? ער וועט פרעגען אויפ'ן דירעקטאָר?

געניאַ: יאָ, פאַפאַ.

וואָהלמאַן: אַלזאָ, וועט איהר שוין וויסען וואָס צו טהון?

באָריס: יאָ, אַלץ וועט פינקטליך בעזאָרגט ווערען.

וואָהלמאַן: קום, טייערע געניאַ (גיהט אָב לינקס).

באָריס (נעהמט זיי נאָך מיטגעפיהלדיג וואָהלמאַנ'ס הוט און שטעקען.

שלומיאל (קומט אַריין פון דער טיר, צוריקגעהאַלטען און אונבעהאָלפען).

זיבעטער אויפטריט.

שלומיאל אליין.

שלומיאל: דאָ וועל איך זעהען צום ערשטען מאָל מיין צוקינפטיגען דירעקטאָר! איך ווייס ניט וואָס ס'טהוט זיך מיט מיר, אַזוי צומישט האָט מיך די צוקינפטיגע ערשטע בעגעגניש מיט'ן דירעקטאָר. ער זאָל ניט האָבען קיין צו שטרענגע און אַבשטויסענדע מאַניערען.

סאָניע (קומט מיט אַ פּלאַטע און אַ גלאָז דורך דער טיר).

אַכטער אויפטריט.

שלומיאל, סאָניע.

שלומיאל: דאָס איז וואַהרשיינליך אַ דינסטמיידעל פון האָטעל.

סאָניע (אַבּאַרט): חער איז דאָס ווידער?

שלומיאל: קאָנט איהר מיר ניט זאָגען ק'... מיין פריי־ליין, אויב איך קאָן זיך דאָ זעהען מיט אַ הערר, חעלכען איך ערוואַרט, ד. ה. וואָס האָט מיך דאָ בעשטעלט, איך מיין...

סאָניע: אַהאַ, איהר מיינט געוויס דעם ה' דירעקטאָר פון ליבאַוואַ?

שלומיאל: יאָ, אויף איהם האָב איך טאַקע געוואָלט פרעגען, ער איז אַלזאָ שוין דאָ?

סאָניע: יאָ, ער האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז דער הערר, וואָס וועט קומען מיט'ן ווילנער ציג און אויף איהם פרעגען, זאָל תיכף אַריינגעפיהרט ווערען צו איהם.

שלומיאל: יאָ, איך וואָלט זיך אָבער נאָך געוואָלט אַבּיסעל אין אָרדנונג מאַכען...

סאָניע: לאָזט דאָס איצט אָב, מיר דאַכט זיך, אַז ער איילט זיך איצט זעהר...

שלומיאל: איך וואָלט אָבער געוואָלט...

סאָניע: איהר ווילט איצט גאָרניט, געהט בעסער אַריין אין קאָרידאָר און רייניגט זיך אַביסעל אָב דאָרט און איך וועל אייך דערוויילע מעלדען.

שלומיאל: גוט (אָב רעכטס).

סאָניע: אַ מאָדנע בריאה. (אָב).

גראַנדאָווסקי (הינטער דער ביהנע): ביטע, ביטע!

באָריס (קומט פון לינקס).

ניינטער אויפטריט.

באָריס (אַליין).

באָריס: אַזוי, די זאַכען שוין אין אָרדנונג. זיי ערוואַרטען נאָך איינעם, איך וועל אַלזאָ האָבען פון נומער 4—10, פון נומער 7—5, פון זיי —10 און פון... (רעכענט ווייטער אין דער שטיל).

הערקולעס (קומט דורך דער מיט—אַ אויפפאַלענדער קאָסטיום: געשיקעלטע שיך, רויטע האַלזטיך, גרויסער פילץ-הוט א. ז. וו. אונטער'ן אָרעם אַ פעקעל איינגעוויקעלט אין אַ טוך).

צעהנטער אױפטריט.

באַריס, הערקולעס.

באַריס: האָבען מיר 10, און נאָך אַמאָל 10, און נאָך...

הערקולעס: הע, יונגערמאַן!

באַריס (קוקט זיך אום): איהר װילט?

הערקולעס: װאָס איז דאָס דאָ פאַר אַ האָטעל? אין ערגעץ זעהט מען ניט קײן דינער! דאָס בין איך ניט געװעהנט!

באַריס: זאָל איך נעמען אײער געפּעק?

הערקולעס: דאָס שלעפּ איך ניט מיט זיך, עס קומט נאָך שפּעטער מיט דער באַהן. אַזאַ אַרטיסט װי איך פערנעמט זיך ניט מיט אַזעלכע זאַכען. אַ קינסטלער טאָר ניט האָבען קײן פּעקלעך. איך בין אַזױ געװעהנט.

באַריס: מיט װאָס קאָן איך אײך אַלזאָ דינען?

הערקולעס: דער הערר, װאָס דאַרף זײן גליקליך, װאָס ער האָט מיך בעקומען פאַר זײן אונטערנעהמונג, מײן נײער דירעקטאָר, האָט בעשטימט, אַז מיר זאָלען זיך דאָ צונױפקומען. האָפענטליך, װעט ער מיך ניט בעמיהען אומזיסט. איך בין דערצו ניט געװעהנט.

באַריס (כאַר זיך): אַהאַ, דאָס איז דער, פון װעלכען דער אַלטער פרעמדער הערר האָט מיר געזאָגט. (הױך) יאָ, דער ה' דירעקטאָר פון ליבאַװאַ איז דאָ; ער איז ערשט ניט לאַנג געקומען און האָט באַלד געפרעגט אױף אײך.

הערקולעס: אַזױ בין איך טאַקע געװעהנט! פיהרט מיך שױן אַרײן צו איהם.

באַריס: אױב איהר װילט זיך בעמיהען אַט דאָ אין דער טיר, (װײזט איהם אױף רעכטס) אָט דאָרט װאױנט ער...

הערקולעס: גוט.

באַריס: אױסערדעם װילט איהר גאָרניט?

הערקולעס: נײן.

באַריס (רעכענט װײטער): און נאָך אַמאָל פינף, האָבען מיר 15, איצט נאָך 10, אַ זאַ צוזאַמען... (ציהט אָב דורך דער טיט, צעהנדיגע אױף די פינגער).

עלפטער אויפטריט.

הערקולעס, דערנאָך וואָהלמאַן און געניאַ פון לינקס.

הערקולעס (מאַכט זיך גלייך דעם קראַוואַט): איך מוז ערשיינען אַ פעסטער פאַר מיין נייעם שעף. דאָס רופט אַרויס דרך־ארץ. (געהט צו צו דער טיר לינקס, וויל קלאַפּען, און דעם מאָמענט קומען אַרויס וואָהלמאַן און געניאַ).

וואָהלמאַן (האַלט אין מיטען ריידען): מיינסטו ניט, טייערע געניאַ, אַז איך זאָל נאָך אַמאָל נאָכפרעגען, צי אונזער גאַסט איז שוין געקומען?

הערקולעס (הויך): בעמיהט זיך ניט, ער שטעהט פאַר אייך.

וואָהלמאַן (קוקט זיך אום, ערשטוינט): וואָס, איהר זענט...

הערקולעס: יאָ, איך בין דער, וועלכען איהר ערוואַרט.

וואָהלמאַן: זייט מיר הערצליך ווילקאָמען! איהר האָט אַלזאָ בעקומען מיין בריף?

הערקולעס: בעקומען און געאיילט זיך דאָ אַהערצוקומען, כדי צוזאַמען מיט אייך ווייטער צו פאָהרען און ווייזען די ליבהאָבער ווער איך בין.

וואָהלמאַן: איך האָף, אַז איהר וועט מיר געפעלען.

הערקולעס (מאַכט פון צייט צו צייט אין פערלויף פון גאַנצער אַטלעטישע פּאָזען אויף אַ לייכטען אופן): פאַרוואָס ניט? דאָרט וואו איך בעקום גוט געצאָהלט, אַרבייט איך גוט. יאָ, וואָס האָב איך אייך געוואָלט זאָגען, גאַרדעראָבע גיט איהר דאָך, ניט אמת!

וואָהלמאַן (פערוואונדערט): ביז איצט פלעג איך עס ניט טהון, נאָר אויב איהר פערלאַנגט עס דורכאויס, וועל איך מיך ניט שטעלען וועגען אַפּאָר הויזען און אַ וועסטעל.

הערקולעס: איך בין אַזוי געוועהנט; אומעטום, וואו איך בין געווען, אין ברעסלוי, קאָפּענהאַגען, שניפּישאָק א. ז. וו. האָב איך געאַרבייט אויף אַ זעלכע בעדינגונגען.

וואָהלמאַן: איהר זענט אין אויסלאַנד אויך געווען מיטינג? אין וועלכען פאַך, אויב ס'איז ערלויבט צו פרעגען?

ה ע ר ק ו ל ע ס : אין וועלכען פאַך, פרעגט איהר? עקזיס־טירט דען פאַר מיר איין פאַך? — פייער, לופט און ערד בעהערש איך ניט ווי דער זעלבער זיכערהייט.

וו אָ ה ל מ אַ ן (שטיל צו געניאַ'ן): ער ווייזט אויס זיך האָבען פריהער אָבגעגעבען מיט נאַטור־וויסענשאַפט.

ה ע ר ק ו ל ע ס : אָבער לאָמיר זיך זעצען, דירעקטאָר! — איך בין נישט געוועהנט צו שטעהן. (וואַרפט זיך נאָכלעסיג אויף אַ שטול)

וו אָ ה ל מ אַ ן (רוקט זיך צו מיט אַ שטול): גראָד אין אונזער פראָפעסיע איז דאָס שטענדיגע זיצען אַ זעהר אומבעקוועמע זאַך.

ה ע ר ק ו ל ע ס : געוויס, די גלידער מוזען שטענדיג גע־האַלטען ווערען אין געוויסער עלאַסטיציטעט.

וו אָ ה ל מ אַ ן : איך בין זעהר נייגיריג קענען צו לערנען אייער מעטאָדע.

ה ע ר ק ו ל ע ס : גלויבט מיר, אַז זי איז גוט. — איך בין זיכער מיט מיין ערפאָלג. אין קרעמענטשוג האָב איך איין טאָג בעקומען 9 קרענץ און ביי מיין אַהערקומען האָט די אַרטיסטען ציי־טונג מיר געווידמעט אַ ליד, אין וועלכען מ'רופט מיך דער אומפערגלייכ־ליכער — איהר קאָנט עס אין ליבאַווא אַ דיסטשטעלען איינער אַפיש.

וו אָ ה ל מ אַ ן (ערשטוינט): אין מיין אינסטיטוט זענען נישט פאַרהאַן קיין אַפישען.

ה ע ר ק ו ל ע ס : שאַדט ניט, וועט איהר עס לאָזען אויסקלינגען.

וו אָ ה ל מ אַ ן (פערוואונדערט, שטיל צו געניאַ'ן): ווי ביזט דער־פאַר, אַז מיר זאָלען לאָזען אויסקלינגען?

ג ע נ י אַ (ערשטוינט): וואָס רעדסטו, פאַפאַ?

וו אָ ה ל מ אַ ן : יאָ, איך האָב גאָר פערגעסען, איך האָב דיך אייך נאָך ניט פאָרגעשטעלט מיין טאָכטער. קום אַהער, קינד מיינ'ס — דאָס איז מיין טאָכטער געניאַ! —

ה ע ר ק ו ל ע ס (ניט אויפשטעהענדיג): זעהר אָנגענעהם, פריילין. (צו וואָהלמאַנ'ען) אַ שען מיידעל. אַ געשיקטע אַרבייטעריך?

וו אָ ה ל מ אַ ן (פערוואונדערט): איהר מיינט?

ה ע ר ק ו ל ע ס : אַ רייטערין?

וו אָ ה ל מ אַ ן (חי פריהער): ניין, לחלוטין ניט.

הערקולעס: אַהאַ! — זי איז חאַהרשיינליך אַ מייסטע. רין אויפ'ן דראָט. (ווייזט אָן מיט דער האַנד אויף אויבען).

וואָהלמאַן (שטיל צו געניאַ'ן): דו פערשטעהסט, וואָס ער מיינט?

געניאַ (אויך אַזוי): ניין, פּאַפּאַ!

הערקולעס: איך בין אייגענטליך אויסער מיין פאַך אַ פּרימאַ-טענצער. איך וועל מיט אייער טאָכטער איינשטודירען אַ כאַראַקטער-טאַנץ, מיין אייגענע קאָמפּאָזיציע. דרייאַכט'ל-טאַקט.

וואָהלמאַן (נאָך מעהר פערוואונדערט): איהר זענט זעהר פריינדליך!

הערקולעס: דערנאָך וועלען מיר איינשטודירען אייניגע פאַנטאַזיע-טענץ.

וואָהלמאַן: אויב ס'פּערשאַפט אייך פערגניגען. (אויפשטעהענד) ווילט איהר זיך ניט מאַכען בעקוועם, איהר געהט דאָך נאָך אַלץ אין מאַנטעל און שאַל? ביטע, קומט אַ ווייל אַריין אין אונזער צימער און טהוט עס אייך אויס.

הערקולעס (אויפשטעהענד): גוט, און נאָכדעם זעצען מיר זיך עסען, וואָרום איך בין שטאַרק הונגעריג.

וואָהלמאַן (ביים אָבגעהן, שטיל צו געניאַ'ן): אַזוי האָב איך איהם מיר ניט פאָרגעשטעלט.

געניאַ (אויך אַזוי): איך אויך ניט.

וואָהלמאַן (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ): דריי-אַכטעל-טאַקט! הם, הם! (אַלע דריי אָב לינקס).

באָריס און סאָניאַ (קומט דורך דער מיט).

צוועלפטער אויפטריט.

סאָניע, באָריס.

סאָניע: ווייסט נאָך זיין אַמאָל אייפערזיכטיג?

באָריס: ניין, סאָניע. מעהר, זאָג איך דיר צו, וועט אַזעלכעס ניט פּאַסירען.

סאָניע: איצט ווייס איך שוין, ווער ער איז.

באָריס: ווער?

סאָניע: נו, אונזער גאַסט, ווי ס'איז געקומען איינער מיט'ן ווילנער צוג.

באָריס: אַהאַ, דער דירעקטאָר פון ליבאַווא.

סאָניע: אָבער דו ווייסט וואָס פאַר אַ דירעקטאָר ער איז?

באָריס: ניין, דאָס ווייס איך ניט.

סאָניע: טאָ הער, ער האָט דאָך פריהער געזאָגט, אַז ס'וועט דאָ איינער קומען צו איהם.

באָריס: יאָ, ער האָט מיר אפילו אָנגעזאָגט, אַז ווען יענער וועט קומען, זאָל איך איהם גלייך אַריינשיקען צו איהם.

סאָניע: דאָס האָט ער גאָר מיר געזאָגט.

באָריס: ניין, מיר!

סאָניע: אַפנים, אַז ער האָט עס געזאָגט אונז ביידען. דער יונגערמאַן איז אַלזאָ געקומען און מיך געפרעגט...

באָריס: ניין, מיך!

סאָניע: מיך האָט ער געפרעגט.

באָריס: דו מוזט שטענדיג זיין גערעכט! מיך האָט ער געפרעגט און איך האָב איהם אָנגעוויזען.

סאָניע: און איך האָב איהם אַריינגעפיהרט צום דירעקטאָר אין צימער אַריין. ער האָט געוואַרט אַ ווייל אין קאָרידאָר, איך האָב אָנגעקלונגען, אַריינגעגאַנגען און וואָס האָב איך געזעהן? דער דירעקטאָר שטעהט אין מיטען דער שטוב אויפ'ן קאָפ, ניט אויף די פיס. זיך האָב אַ געשריי געטהון פאַר שרעק; ער האָט זיך אָבער צולאַכט און געזאָגט: „אַז איך וועל מיט מיין צירק געבען דאָ פאָר־שטעלונגען, וועט איהר ערשט זעהען וואָס מיר קאָנען”.

באָריס: איז דאָס מעגליך? ווער וואָלט עס געגלויבט, אַז אַזאַ אַלטער מאַן האָט נאָך אין זיך אַזעלכע נאַרישקייטען, ווי זיך שטעלען אויפ'ן קאָפ.

סאָניע: דו רעדסט עפּעס היינט אויך פון וועג. אַזוי אַלט איז ער? ער איז דאָך אַ מענש אין די בעסטע יאָהרען.

באָריס: אַ שענע מעשה. אַ גרויער קאָפ און אין די בעסטע יאָהרען.

סאָניע: גרוי? ער האָט דאָך ניט אײן גרויע האָר אין קאָפּ.

באַריס: נו, דאָס מאָל וועל איך מיר שוין ניט לאָזען איינריידען.

סאָניע: און איך מיר אויך ניט.

באָריס: מיט דיר מוז מען זיך שטענדיג אײַומקריגען.

סאָניע: מיר שטעהען דאָ אַזוי און קריגען זיך און האָבען אַלץ געלאָזט אויף הפקר. לאָמיר זיך בעסער נעמען צו דער אַרבייט. קום, באָריס, וועסטו מיר העלפען איבערפּיהען די בעטען אין נומער דריי.

באָריס (גאָנטראַלטענדיג): אַזאַ אַלטער מאַן זאָל זיך שטעלען אויפ'ן קאָפּ.

סאָניע: אַז איך זאָג דיר, אַז כ'האָב עס אַליין געזעהן (גאָב דורך דער טיר).

באָריס (נעהמט איהר נאָך): דאָס איז אַ אונמעגליכע זאַך! (אָב).

דרייצענטער אויפטריט.

גראַנדאָווסקי, שלומיאל.

גראַנדאָווסקי: ווי געזאָגט, פרעהט מיך זעהר, וואָס איהר זענט פינקטליך געקומען.

שלומיאל (זעהר פּערדענגט): ה' דירעקטאָר, דאָס איז דאָך געווען מיין פליכט.

גראַנדאָווסקי: מאָרגען אין אָווענד קאָנט איהר שוין אום ערסטען מאָל אַרבייטען אין ליבאָרא.

שלומיאל: וואָס פריהער — אַלץ בעסער. דאָס ניט אַרבייטען די לעצטע טעג האָט זיך מיר שוין שטאַרק צונעגעסען.

גראַנדאָווסקי: האָט איהר די לעצטע צייט געהאַט פיעל אַרבייט?

שלומיאל: אָ, יאָ.

גראַנדאָווסקי: וויפיעל זענט איהר געווען צוזאַמען?

שלומיאל: זיבען מאַן.

גראַנדאָווסקי: און דאַמען?

שלומיאל: וואָס?

גראַנדאָווסקי: וויפיעל פּרויזענצימער האָט איהר געהאַט?

שלומיאל (האַלט זיך דעם הוט פאַר׳ן פּנים): אַ חוץ דעם דאָקטאָר זענען מיר אַלע געווען בחורים.

גראַנדאָווסקי: דאָס אַרט מיך ניט; איך וויל נאָר וויסען וויפיל דאַמען ס׳זענען ביי אייך געווען אַנגאַזשירט.

שלומיאל (ערשטוינט): אין אונזער אינסטיטוט? — קיינער ניט!

גראַנדאָווסקי: כאַ... כאַ... אַשיינע אונטערנעהמונג, אָהן דאַמען. איך האָב 9 דאַמען, אַלע יונג און שען. איינע בעסער פאַר דער אַנדערער.

שלומיאל (אַפּאַרט): ער האָט, ווייזט אויס, אַ קינדער-שולע.

גראַנדאָווסקי: און אייער ביז איצטיגע דירעקטאָרין פערנעמט זיך שוין גאָרניט מיט איהר פאַך?

שלומיאל: אויף וויפיל איך ווייס, איז זי שטענדיג געווען...

גראַנדאָווסקי: אַ גוטע שפּרינגערין. הײנט שפּרינגט זי אויך נאָך?

שלומיאל (צומישט): דאָס האָב איך גאָרניט געוואוסט.

גראַנדאָווסקי: זי מוז זיין אַ גוטע טראַנספּאָמאַטאָרקע?

שלומיאל (ווי פריהער): איך ווייס ניט.

גראַנדאָווסקי: איך בין זעהר נייגיריג צו וויסען וואָס איהר קענט, מיין פריינד, און איך וואָלט טאַקע געוואָלט שוין איצט זעהן פון אייך איינינע פּראָבע-שטיק.

שלומיאל: איך האָב מיינע זאַכען אונטען אין קויבער, אַז ניט וואָלט איך גערן...

גראַנדאָווסקי: ניט וויכטיג! ביי אַזאַ געשיקטען מענש ווי איהר ווערט עס אַזוי אויך געהן! מאַכט נאָר קודם כל אַ עלעגאַנטען לופט-שפּרונג.

שלומיאל (ערשטוינט): וואָס?

גראַנדאָווסקי: איך וואָלט געוואָלט פון אייך זעה אַ לופט-שפּרונג.

שלומיאל (אַפּאַרט): מיר דאַכט זיך, אַז ער וויל מיך צו־נעמען פֿאַר אַ טורן־לעהרער. ווי אַזוי דרעהט מען זיך דאָ אַרויס? (הויך) ענטשולדיגט מיר, איך בין אַזוי מיד פֿון דער רייזע.

גראַנדאָווסקי: איך פֿערשטעה ניט, פֿון וואו איהר נעמט די קראַפֿט, מיט וועלכע מ'ריהמט אייך אַזוי. איהר זעהט דאָך אַזוי שוואַך אויס, וויפֿיל אַ שטייגער הויבט איהר מיט די צייהן?

שלומיאל (אָהן לשון): דאָס ווייס איך נישט גענוי.

באָריס (קומט דורך דער טיר).

פֿירצענטער אויפֿטריט.

די פֿאָריגע, באָריס.

באָריס: איך קאָן נאָך אַלץ נישט פֿערשטעהן דאָס, וואָס סאָניע האָט מיר דערצעהלט. דער אַלטער זאָל זיך האָבען געשטעלט אויפֿ'ן קאָפּ? ער זעהט גאָרנישט אויס אויף אַ זעלכען. איך מוז אַריינקוקען דורכ'ן שליסעללאָך און זעהן, אפֿשר מאַכט ער נאָך אַמאָל אַ זעלכע קונץ־שטיק. (געהט צו צו דער טיר און קוקט אַרײַן דורכ'ן שליסעל־לאָך).

גראַנדאָווסקי (געהט צו צו באָריס'ן און גיט איהם אַ קלאַפּ איבער דער פּלייצע).

באָריס (דרעהט זיך שנעל אום): וואָס בעפֿעהלט איהר?

גראַנדאָווסקי: גאָרנישט. איך וויל נאָר וויסען צי ביי אייך אין האָטעל איז אַזאַ מאָדע נאָכצוקוקען יענעמס סודות?

באָריס: ניין, נאָר דאָ איז אַ בעזונדערער פֿאַל.

גראַנדאָווסקי: וואָס איז דען?

באָריס (געהיימניספֿול און האַלב־הויך): איהר זעהט, אָט אין יענעם צימער וואוינט אַ אַלטער העור, וואָס איז היינט געקומען צו־פֿאָהרען, און וואָס קאָן, ווי סאָניאַ זאָגט, מאַכען די גרעסטע קונצען. ער איז אַ דירעקטאָר פֿון אַ צירק און שטעהט...

גראַנדאָווסקי (רייסט איהם איבער): וואָס איז ער?

באָריס: ער איז אַ דירעקטאָר פֿון אַ צירק און שטעהט...

גראַנדאָווסקי: ווייסט דו עס בעשטימט?

באָריס: ער האָט עס אַליין געזאָגט.

גראַנדאָווסקי: (פּול מיט כּעס): דער טייוועל זאָל עס נעמען! דאָס איז אַ שענע מעשה. דער חברה־מאַן מוז שוין זיין פריער געלאָפען פאַר מיר צום בירגערמייסטער.

באָריס: דאָס ווייס איך נישט.

גראַנדאָווסקי: דער טייוועל זאָל עס נעמען! אַזאַ אומגליק! אַזאַ צרה! איך וועל איהם די ביינער צוברעכען...

שלומיאל (גיהט צו איהם נאָהענט צו): איהר זענט פּלוצלינג געוואָרען אַזוי אויפגערעגט...

גראַנדאָווסקי (בעמיהט זיך צו בעהערשען): גאָרניט, גאָרניט (אַפּאַרט) איהם דאַרף איך גאָרניט זאָגען, אז ניט געהט ער אַריבער צום קאָנקורענט. (הויך צו באָריס'ן) ברענג מיר אַריין אַ פלאַש סאָדע־וואַסער, ברענג מיר עפּעס אַ בערוהיגונגס־מיטעל, אז ניט וועט פאַרקומען אַ קאַטאַסטראָפע.

באָריס (אַפּאַרט): וואָס דער ווידער וויל, ווייס איך גאָרניט.

גראַנדאָווסקי (בייז): איך וויל סאָדע־וואַסער!

באָריס: די מינוט! (אַב דורך דער מיט).

שלומיאל: ווילט איהר מיר ניט זאָגען...

גראַנדאָווסקי (מיט א געצוואונגענער בעהערשונג): איך לייד אויף צוועלפטע אָנפאַלען. (אַפּאַרט) איך טאָר איהם גאָרניט זאָגען, אַ ניט וועט ער מיר באַלד אַריבערגעהן צו יענעם. (אַב).

שלומיאל (אַליין): וואָס וועט דאָ זיין דער סוף? טאָמער דערוויסט ער זיך אז איך בין ניט קיין טורן־לעהרער, וועט ער מיר ניט צונעמען. איך זעה, אַז ביי איהם איז דאָס טורנען די הויפט־זאַך. (געהט נאָך גראַנדאָווסקי'ן).

וואָהלמאַן און הערקולעס (קומען אַריין פון דרויסען).

פיפצעהנטער אויפטריט.

וואָהלמאַן, הערקולעס.

וואָהלמאַן: נאָך איין פראַגע, מיין טייערער! מיט וואָס פאַר אַ אופן און מעטאָדע רעכענט איהר צו בעקעמפען די יונגלעך מיט די ערשטע עלעמענטען?

הערקולעס: מיט די יונגלעך, וועלכע מ׳גיט מיר איבער אויסצובילדען, מאַך איך קורץ און שאַרף. צוערשט ציה איך זיי אויס די פיס און די הענד...

וואָהלמאַן (צומומעלט): איהר ציהט זיי אויס — טײַערע גנביאַ, וואָס זאָגסטו? — אַך, מײַן טאָכטער איז דאָך גאָרניט דאָ.

הערקולעס: איך ברעך זיי אויס די גלידער.

וואָהלמאַן: איה ברעכט? — ענטשולדיגט, נאָר מיר ראַכט זיך, אַז די מעטאָדע איז אַביסעל צו שטאַרק.

הערקולעס: פערקעהרט, איך בין אויך אויסגעבילדעט געוואָרען אויפ׳ן זעלבען אופן. איהר ניט?

וואָהלמאַן (ווישט זיך דעם שטערן): זאָל גאָט אָבהיטען! מיר האָט מען קײנמאָל גאָרניט אויסגעבראָכען!

באָריס (קומט אַריין, אין דער טיר מיט אַ פלאַש האָר-וואַסער).

זעכצענטער אויפטריט.

די פאָריגע, באָריס.

באָריס (וויל גיכער רעכטס, איז זיך אָבער מישב און רופט זיך צו צו וואָהלמאַנ׳ען).

וואָהלמאַן: איהר ווילט עפּעס, מײַן טײַערער?

באָריס (ניט דרייסט): יאָ, איך האָב אַ בקשה צו אײַך.

וואָהלמאַן: רעדט.

באָריס: ווײס ניט אויף מיר בײז.

וואָהלמאַן: פאַרוואָס?

באָריס: ווײַל ווי סאַניע האָט עס מיר דערצײלט און איך האָב נאָך אַזעלכעס קײנמאָל ניט געזעהן, וואָלט איך אײַך געבעטען...

וואָהלמאַן: וואָס?

באָריס: דײַט אַמי גוט און...

וואָהלמאַן: זאָגט שוין, וואָס איהר ווילט!

באָריס: שטעלט אײַך אויפ׳ן קאָפּ.

וואָהלמאַן (פאַרגליווערט): וואָס?

באָריס: איך ווייס דאָך, אַז איהר קאָנט עס.

וואָהלמאַן (רעדעראַקציע): מיר דאַכט זיך, אַז דער יונגער־מאַן איז עפּעס ניט אין אָרדנונג!

באָריס: פאַרוואָס מאַכט איהר זיך אַזוי ווי איהר וואָלט ניט געקאָנט?

וואָהלמאַן: אַרויס פון דאַנען!

באָריס (אָבגעהענדיג): וואָס פאַר אַ עגאָאיסטן, די קינסט־לער זענען! (אָב רעכטס).

זיבּצענטער אויפטריט.

וואָהלמאַן, הערקולעס, באַלד דערנאָך גראַנדאָווסקי פון לינקס.

וואָהלמאַן: דער יונגערמאַן מוז זיין משוגע געוואָרען.

הערקולעס: פאַרוואָס ווילט איהר איהם טאַקע ניט צום ליב טהון? איך וואָלט ביי דער דאָזיגער געלעגענהייט אויך דער־וויל געקאָנט עפּעס בעוואונדערן פון אייך.

וואָהלמאַן: וואָס, איהר אויך? הער נאַר, געניאַ,—אַן מיין טאָכטער איז דאָך גאָרניט דאָ!

גראַנדאָווסקי (קומט אַרויס פון רעכטס, זעהר אויפגערעגט, מיט אַ פלאַש קאָדע־וואַסער אין דער האַנד): וואו איז ער, דער וואָס וויל ביי מיר צונעמען מיין ברויט?

וואָהלמאַן: איהר זוכט?

גראַנדאָווסקי: אייך זוך איך, מיין הערר, טאַקע אייך!

וואָהלמאַן: אין וואָס פאַר אַ אַנגעלעגענהייט?

גראַנדאָווסקי: מאַכט זיך נאָר ניט אַזוי תמ׳עוואַטע. מ׳קען אייך שוין.

וואָהלמאַן: איך פערשטעה ניט...

גראַנדאָווסקי: אייערע קאָמבינאַציעס וועלען זיך אייך ניט איינגעבען, איך לויף שוין אַרויף צום בירגערמייסטער; מיר וועלען זעהן ווער ס׳וועט זיגען.

וואָהלמאַן: אָבער ערקלערט מיר...

גראַנדאָווסקי: איהר ווילט קיין ליבאַווע אויך קומען

מיט אייער טרופע, איך ווייס אַלץ. אָבער זייט זיכער, אַז דאָס פּובליקום וועט אייך אויספייפען.

וואָהלמאַן: מיין קאָפּ זרזהט מיר...

גראַנדאָווסקי: אַהאַ, איצט הויבט איהר אָן כורא צו האָבען? דאָס, איז אָבער נאָך גאָרניט. איך וועל אייך דער׳הרג׳נען, טויט וועל איך אייך מאַכען.

וואָהלמאַן: איהר, ווייזט אויס, צו האָבען אַ טעות.

גראַנדאָווסקי: טעות — שמועס! דערצעהל ניט קיינעם קיין מעשות. צום גליק האָט מען בעצייטענס אַלץ ענטדעקט.

וואָהלמאַן: אָבער ערלויבט מיר אַפּאָר ווערטער אייך צו ערקלערען...

גראַנדאָווסקי: איך ווייס אַלץ. איהר האָט מיר פּער־כאַפּט. איהר האָט געוואָלט דאָס אַ־ט אויסנוצען מיט אייערע קונצענמאַכער.

וואָהלמאַן (שטאַמלענד): קונצענמאַכער! — איך שטאַרב

גראַנדאָווסקי: אפשר ווילט איהר אָבלייקענען, אַז איהר זענט אַ דירעקטאָר פון אַ צירק, איהר, איהר...

וואָהלמאַן (דערשראָקען): איך... גאָט אין הימעל!

גראַנדאָווסקי: איך בין דאָס זעלבע וואָס איהר, איך בין אָבער מעהר פאַר אייך. דער נאָמען פון מיין טרופּע קלינגט פון באַלטישען ים ביז צו די אַלפּען־בערג... איך וועל אייך דער׳הרג׳נען, אויף טויט, איהר קנאָרזשעליק־מאַכער!

וואָהלמאַן: איך וועל עם ניט איבערהאַלטען!

הערקולעס (צו וואָהלמאַנען): אָבער, ליבער הר׳ דירעקטאָר, איך פערשטעה אייגענטליך ניט, פאַרוואָס איהר לייקענט עס אָב? איהר שרעקט זיך דאָך ניט פאַר דער קאָנקורענץ פון דאָזיגען העררן? (צו גראַנדאָווסקי׳ן אָנווייזענדיג אויף וואָהלמאַנען) יאָ, מיין העררן, דער דאָזיגער חשובער גאַסט איז אַ דירעקטאָר פון אַ צירק!

וואָהלמאַן (פאַלט אַנידער אויף אַ שטול): ער אויך! גאָט העלף מיר!

גראַנדאָווסקי: זעהט איהר, אַז איך האָב אייך דערקענט!

שלומיאל (קומט פון רעכטס).

גענ יאַ (קומט פֿון לינקס).

באָריס און סאָניע (קומען דורך דער מיט).

אַכצענטער אױפֿטריט.

די פֿריִגע, שלומיאל, געניאַ, באָריס, סאָניע.

גראַנדאָװסקי (רעדט װײַטער): איהר װעט בײַ מיר בלײַבען זעהן אַ ראָק, איך װיל אײַך מאַכען מאַם!... מײַן טרופּע און אײַער גרופּע, כאַ-כאַ-כאַ... איהר זעהט, (װײַזט אױף שלומיאל'ן) דאָס איז אַ נײַער מיטגליד, װאָס איז הײַנט צוגעקומען צו מײַן טרופּע. אַ עכטער קינסטלער, דער ערשטער גימנאַסטיקער און הערקולעס אין דער װעלט! (שלעפּט אַרױס שלומיאל'ן אין פֿאָרדערגרונד).

הערקולעס (געהט אַרום און בעטראַכט שלומיאל'ן): אָט דאָס האָט געזאָגט בעשעפֿעניש און הערקולעס!... װי אַזױ ערלױבט איהר זיך צו רופֿען מיט אַ נאָמען, װאָס געהער נאָר מיר אַלײן. איך בין דאָך דער ערשטער גימנאַסטיקער און הערקולעס אין אײראָפּאַ.

גראַנדאָװסקי (צו שלומיאל'ן): איהר לאָזט זיך אַזױ זידלען! נו, גיט איהם עפּעס אַ דערלאַנג, מאַכט אײַער בעריהמטען לופֿט-שפּרונג.

שלומיאל (ציטערט): ענטשולדיגט...

גראַנדאָװסקי: אָדער איהר מאַכט דעם לופֿט-שפּרונג, אָדער איך זאָג אײַך אָב פֿון פּאָסטען...

שלומיאל (שמײכעלט): ערלױבט...

הערקולעס: ער האָט דאָך פֿערלױרען דאָס לשון! (פֿריִעס פֿירענד צו גראָהלמאַנ'ען) דירעקטאָר, מיר זײַנען!

גראַנדאָװסקי (שלעפּט אַרױס שלומיאל'ן): איהר װילט מיך רואינירען...

שלומיאל (בעט זיך): פֿערלאַנגט פֿון מיר װאָס איהר װילט, נאָר גיט ניט קײן לעהרער צו מאַכען לופֿט-שפּרונגען.

גראַנדאָװסקי: אַ לעהרער?

שלומיאל: יאָ, יאָ!

גראַנדאָװסקי: דאָ איז דאָך אַ טעות...

שלומיאל: זענט איהר דען ניט דער שול-דירעקטאָר וואָהלמאַן?

וואָהלמאַן (נאָך צושמעלט): דאָס בין איך, ניט אמת, געניאַ, קינד מיינס?

געניאַ: נאַטירליך, פּאַפּאַ.

הערקולעס: וואָס? איהר זענט ניט דער צירק-דירעקטאָר גראַנדאָווסקי?

גראַנדאָווסקי: דאָס בין איך.

הערקולעס (צו גראַנדאָווסקי'ן): בין איך דאָך אייערער...

שלומיאל (צו וואָהלמאַנ'ען): און איך אייערער...

גראַנדאָווסקי: אונזערע מיטגלידער זענען געווען פער-טוישט. (צו באָריס'ן) ער איז אין אַלעם שולדיג! ווי אַזוי האָט איהר מיר געקאָנט זאָגען, אַז דער הער איז אַ דירעקטאָר פון אַ צירק און צוליב דעם מיינער אַ קאָלעגע...

באָריס: סאָניע האָט...

סאָניע: גאָר, איך האָב דאָך געמיינט (ווייזט אָן אויף גראַנדאָווסקי'ן) דעם הערר.

וואָהלמאַן: גאָט זיי דאַנק, אַז דער טעות האָט זיך אויפגעקלערט.

גראַנדאָווסקי (דריקט וואָהלמאַנ'ען די האַנד): איך בין אייך מוחל.

הערקולעס (צו שלומיאל'ן): איך בין אייך מוחל.

באָריס (צו סאָניע'ן): איך בין דיר מוחל.

וואָהלמאַן: איצט איז אַלץ שוין קלאָר.

גראַנדאָיוסקי (האָט נאָך פריהער אַרויסגענומען פון טאַש אַ גרויסען אַפיש, פון וועלכען ער לעזט אַרויס) גרויסע אויסערגעוועהנליכע פאָרשטעלונג מיט פאָלגענדען פּראָגראַם: רייטען און פערד-דרעסי-רען, אַקראָבאַטען, גימנאַסטיק, אַטלעטען, קאָמיום, פּלאַסטיק, פּאַנטאָ-מימיק, מיט גאַנץ נייע איבערראַשענדע אַטראַקציעס, ערשטער אויפטריט פון ניי אַנגאַזשירטען קינסטלער (כאַפּט אָן אומבעמערקט שלומיאל'ן, וועלכער איז געשטאַנען נעבען איהם לינקס, און פיהרט איהם אַרויס ביי דער האַנד).

שלומיאל (ציטערט).

גראַנדאָווסקי (בעמערקט, שטופּט איהם אָב): פּאַרדאָן. (רעדט ווייטער) פון נײַעם אַנגאַזשירטען קינסטלער... (דאָס זעלבע שפּיל מיט האָהלמאַנ'ען) אַ, אַנטשולדיגט... (ווייזט אויף הערקולעס'ן) פון ניי אַנגאַזשירטען קינסטלער ה' צעזאַר פון צירק אין פּעטערבורג, בעקאַנט אונטער'ן נאָמען דער ערשטער גימנאַסטיקער און הערקילעס פון דער וועלט.

הערקולעס (מאַכט גימנאַסטישע איבונגען).

פּאַרהאַנג.

אַדרעסע:

פֿערלאַג א. גיטלין, וואַרשאַ

נאַלעווקי, נאַלעווקער קראָמען 1 №

Księgarnia Wydawnictwo

E. GITLINA, Warszawa

Nalewki, Kramy Nalewkowskie № 1.